זייט מתפלל פאַרן געזונט פון שרה שענירער
שרה בת רויזא לרפואה שלימה במהרה!


# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א. ג. פרידנזאָן

| ב"ה לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | אדר א' תרצ"ה | נומער 122 | צוועלפטער יאָרגאַנג |
| --- | --- | --- | --- |


**תוכן:** יעקב לאַנדא — פאַר אַן־אידעאישער עלי'. לייב הורוויץ — די מעלצערס קוקן דיך אָן... עט — דער קאַמף קעגן יידיש אין ארץ־ישראל. י"ל אָרלעאַן — די פילאָזאָפיע פון די רשעים. י"ל גערשט — נתן בירנבוים און זיינע לינקע קריטיקער. א"מ ראַגאָווי — מענטש אדער חי'. העשיל קלעפפיש — דער רמב"ם. אַלטער שנור — צוריק אַהיים. אליעזר שינדלער — אויף די וועגן פון גלות. ישראל עמיאט — מיין תפילה, דאָס אויער צו דער נשמה (לידער). שרה שענירער — דאָס זייגערל. ק. נעמיראָווער — אָן פירושים... (אויפן מאַרגינעס פון אונדזער בילאַנס). דריי־יאָר־בילאַנס פון דער בנות־אגודת־ישראל צענטראַלע. ידיעות פון דער באַוועגונג און מודעות.

## פאַר אַן־אידעאישער עלי'

**ארץ־ישראל** האט זוכה געווען אין פוילן צו שטיין טאַקי אין מיטל־פונקט פונים אַלגעמיינעם יידישן לעבן. ס'איז לגמרי נישט נייטיק נאָך צו אַגיטירן פאַר א"י, אדער גאָר עס צו פאַרהערלעכן. כ'האַלט זיך יעצט אויף אין פוילן אויף אַ קורצע צייט און כ'האָב שוין געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן דעם הייסן דראַנג קיין א"י, וואָס מע קען דאָ אומעטום דערשפירן. נישט וועלנדיק ח"ו דעם דראַנג דעגראַדירן, האַלט איך אָבער פאַר נייטיק אַלס א"י ייד אויף עפּיס אויפמערקזאַם צו מאַכן, ספּעציעל אונדזערע עולים, אדער די, וואָס גרייטן זיך צו עולה צו זיין.

מע באַקומט דאָ אין פוילן דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע א"י באַוועגונג שעפּט אירע כוחות פון דער שרעקלעכער נויט, וואָס הערשט דאָ. אמת, מע טאָר נישט די יידישע גויט גרינגשעצן, אָבער מער ווי אַ גורם טאָר זי נישט זיין. ווערט זי אויך די סיבה פונים א"י־דראַנג, דעמלט איז אונדזער א"י אַרבעט אין סכנה.

מע טאָר נישט פאַרגעסן דעם זין און דעם ציל פון אונדזער א"י־אַרבעט. אין דער ערשטער ריי מוז שטיין די אידעע און די מאָטיוואַציע פון אַגודיסטישן אויפבוי אין א"י. יעדע פאַרפלאַכונג פון דער אידעע דורךווירטשאַפטלעכע מאָמענטן ברענגט מיט זיך די געפאַר, אַז אונדזערע פּיאָנערן, קומענדיק קיין א"י, פאַרגעסן זיי זייער אַגודיסטישן חוב לגבי א"י.

מיר זענען דערוויל אין א"י אַ קליינע גרופּע פון מענטשן, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען אַ שווערע און הייליקע אויפגאַבע צו פאַריידישן א"י אינעם אַגודיסטישן זין דורך ממשותדיקע אַרבעט. די שוועריקייטן, וואָס מיר טרעפן אָן אויף אונדזער וועג, זענען נישט קליין, אויף דעם געביט האַלטן מיר נאָך ביי דער התחלה. אין אַזאַ סיטואַציע ברויכן מיר אין א"י פּיאָנערן, וואָס זענען אַדורכגעדרונגען מיטן הייליקן פייער פון אַגודיסטישן אידעאַל, וואָס זענען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאַר די פאַרווירקלעכונג פון אונדזער אידעע אינים פּריוואַטן, ווי עפנטלעכן לעבן פון א"י. מחמת דעם מוזן מיר אַריינברענגען אין אונדזערע הכשרות מער גייסטיקע אויפקלערונג, מער התלהבות פאַר אונדזער פּיאָנערטום, אַז אין דער דאָזיקער גייסטיקער הכשרה זאָלן די ווירטשאַפטלעכע מאָמענטן, וועלכע זענען סוף כל־סוף פאַראַן, דערנידעריקט ווערן צו אומוויכטיקע גורמים, די סיבה, די אינערלעכע מאָטיוואַציע פון אונדזער עלי' מוז זיין די אידעאישע. און אַרום דעם פּונקט מוז זיך קאָנצענטרירן די גאַנצע הכשרה־אַרבעט דאָ אין גלות.

מיר זענען נאָך דערוויל אין א"י אַ מיעוט און מיר ווייסן פון דער היסטאָריע, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקן כוח ס'קען האָבן אַ מיעוט, אָבער נאָר ווען דער מיעוט איז אין זיך גייסטיק געשלאָסן און איז פאַראייניקט אַרום איין ציל און איין שטרעבונג. נאַטירלעך איז פאַר אַזאַ פּיאָנערטום זייער וויכטיק אויך די מאַטעריעלע פונדירונג; די פיזישע הכשרה איז אָן אַנטשיידן מיטל צום דערגרייכן פונים גייסטיקן ציל אין א"י, וואָס הייסט:

צו דעראָבערן ארץ־ישראל פאַר ג־טס תורה דורך מעשים.

יעקב לאַנדא
(תל־אביב)

